# עונג שבת

## פרשת בראשית תשס"ח

**גוט שבת אלע אידן.** "אלון," נישט זיין עכטע נאמען, איז געוועז א פרייער סאלדאט אין דעם מיליטער אין ארץ ישראל. ווען ער איז נאך געווען אין דעם ארמיי איז ער ב"ה געווארן א בעל תשובה מיט א שטארקע נטיה צו דעם סטאלינער חסידות. ווי אזוי איז "אלון" געווארן א בעל תשובה? אמאל שבת איז ער געגאנגען אויפן גאס אין ירושלים ווען ער איז געגאנגען לעבען דעם סטאלינער בית מדרש. ער האט געהערט ווי די סטאלינער חסידים האבן געדאוונט לעבעדיגערהייט מיט א ברען אזוי ווי זייערע דרך איז. ער האט געהערט דעם "קול יעקב," און עס האט מעורר געווען דעם פינטעלע איד אין זיין הארץ. ער איז גלייך אריינגעגאנגען אין דעם שול צו זען וואס טוט זיך דארט.

אלון איז געווארן איבערגענומען מיט התרגשות ווען ער האט געזען ווי די חסידים דאווענען מיט התלהבות. ער האט קיינמאל נישט אין זיין לעבן געזען אזא דאווענען. דאס דאווענען וואס ער האט געדענקט פון זיין יונגע יארן איז געווען זייער קאלט, און טריקן אנע כוונה. "דאס מיינט א דאווענען!" האט ער געטראכט בשעת ער האט געקוקט אויף די חסידים אין דעם סטאלינער שול.

פון יענע טאג און ווייטער, איז ער צוריקגעקומען צום סטאלינער בית מדרש וויפיל ער האט געקענט. וויבאלד אז ער איז געווען א סאלדאט, האט ער נישט געהאט אזוי פיל פרייע צייט. אבער, ווען ער האט געקענט, איז ער געגאנגען אין שול. פארשטייט זיך אז די חסידים האבן שטארק מקרב געווען "אלון," און דורך דעם איז ער שנעל געווארן אן עכטער בעל תשובה.

א שטיק צייט שפעטער, האט אלון זיך געטראפן אין א שרעקליכע מצב בשעת דעם קריגעריי קעגען די אראבער. אלון'ס תפקיד אין מיליטער איז געווען ארומצופארן אין א טאנק. יענע טאג, זענען אלון מיט די אנדערע סאלדאטן געווען אויף א "מבצע" אין דעם "שטחים" לעבן דעם אראבישער שטאט דזשענין אין דעם צפון צייט פון דעם "שמרון." אלון איז אריינגעפארן דארט אויסצוזוכן טעראריסטען. דער מבצע האט מצליח געווען. אויפ'ן וועג אהיים אבער איז געשען א מוראדיגען אומגליק. אלון'ס טאנק איז פארבלאנדזשעט געווארן אין דעם שטחים, און זיי זענען געבליבן אליינס.

עס האט נישט גענומען לאנג ביז א גרופע ווילדע אראבער זענען געקומען דארט. די אראבער האבן אנגעפאנגען צו שיסן אוןווארפען קליינע באמבעס אויפ'ן טאנק. דער טאנק איז געווען גוט פעסט, אבער אלון מיט די אנדערע סאלדאטן האבן נישט געוואוסט ווי לאנג זיי גיין קענען זיך אויסהאלטן. זיי האבן צוריקגעשאסן אויף די אראבער, אבער די אראבער זענען געווען אזוי ווי קליינע מאראטשקעס וואס האבן ארומגענומען דעם גרויסען טאנק. אלון האט פרובירט צו רופן אויפן ראדיו צו זיינע חברים אין דעם אנדערע טאנקען, אבער ער האט נישט געקענט דורכקומען צו זיי.

אלון האט ארומגעקוקט אויף זיינע חברים אין דעם טאנק. קיינער פון זיי איז נישט געווען פרום, און ער אליינס איז געווען א "פרישע" בעל תשובה. אלון האט נישט געוואוסט וואס צו טון, "זאל איך דאווענען? זאגן תהלים?" דאס שיסן פון די אראבער האט אנגעהויבן צו אפעקטען דעם טאנק. אלון האט נאכאמאל געקוקט אויף די אנדערע סאלדאטן, און ער האט געזען א פחד מות אויף זייערע פנימער. אלון האט שנעל געמאכט א חשבון. אויב ער גייט שוין פארלאזן די וועלט, פארוואס זאל ער עס נישט פארלאזן בשמחה. ער האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן זיינע חסידישע חברים אין סטאלין. זיי האבן אלון אויסגעלערנט אז ער מוז זיין "תמיד בשמחה." אויב אזוי, פארוואס זאל עס יעצט זיין אנדערש, פארוואס זאל ער נישט דינען דעם אייבערשטער מיט שמחה אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן? מיט דעם האט ער זיך געגעבן א הייב אויף און ער האט אנגעהויבן צו טאנצען און זינגען א סטאלינער ניגון.

ער האט געטאנצט אין דעם ענגע פלאץ אין דעם טאנק, א חסיד אנגעטון מיט דעם לבוש פון א סאלדאט! דעמאלט האט ער געפילט אז ער איז געווארן אן אמת'ע סאלדאט פונעם באשעפער!

דאן, פלוצלינג, האבן זיי געשפירט און געהערט א ריזיגע "בּוּם!" זיי זענען זיכער געווען אז "דאס איז עס," אז זיי זענען געקומען צו זייער סוף, ל"ע. איינער פון די סאלדאטן האט ארויסגעקוקט פונעם טאנק דורך די ספעציעלע קוקער און ער האט געזען אז דער "בּוּם" איז נישט געקומען פון די ווילדע אראבער, נאר עס איז געקומען פון אלון'ס חברים וואס האבן סוף כל סוף געטראפן די פארלוירענע טאנק. אלון האט געטראכט אז אין די זכות פונעם זיין בשמחה זענען זיי געראטעוועט געווארן פון דער סכנה.

די זעלבע נאכט, איז אלון געפארן קיין ירושלים. ער איז גלייך אריבערגעגאנגען צום סטאלינער בית מדרש מקיים צו זיין דעם פסוק "לא אמות כי אחיה ואספר מעשי קה!" אלון איז אנטוישט געווארן צו הערן אז דער רבי איז שוין אהיימגעגאנגען און ער האט נישט מער געפראוועט יענע נאכט. אבער די חסידים האבן געוואלט וויסן וואס איז געווען אזוי וויכטיג. דאן האט אלון דערציילט דעם מעשה פון דעם טאנק מיט זינגען דעם סטאלינער ניגון.

"נו," האט איינער אין די קיפקע געפרעגט, "וועלכע ניגון האסטו געזונגען דעמאלט?" דאן האט אלון אנגעהויבן צו זינגען יענע ניגון וואס האט אים אויפגעלעבט אין דעם שווערן מצב. עס האט נישט גענומען לאנג ביז אלע חסידים דארט האבן אנגעהויבן צו טאנצען און זינגען דעם ניגון צוזאמען מיט אלון!

יעצט אז מיר געניסן פון די השפעות טובות פון די הייליגע טעג פון שחמת תורה, קענען מיר פארשטיין זייער גוט דעם כח פון שמחה. די גמרא ברענגט אז מען זאל דאווענען מתוך שמחה של מצוה (ברכות לא.) און אויך זאגן חז"ל אז די שכינה איז נאר שורה אויף א מענטש וואס איז בשמחה. (שבת ל:)

שמחה האט אין זיך די אותיות "חמִשה" פונף – וואס איז מרמז אויף די תורה. עס שטייט אין פסוק: "פקודי ה' ישרים משמחי לב." דורך לערנען תורה און מקיים זיין די מצוות פון דער הייליגער תורה, וועלן מיר אלע זוכה זיין אי"ה צו האבן טאקע א גוט געבענטשט יאר מיט אלע השפעות טובות. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים.
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)